# ויאמר אליהו

שמועסן און חיזוק ווערטער, אין אמונה און בטחון



מאת הרב **אלי' מאיר סמיט** שליט"א

בית המדרש תוספות יו"ט ירושלים » 347-897-9968 \ 058-323-



אין אידיש

ערב שב"ק פרשת

אחרי-קדושים

י"א אייר שנת תשפ"ה


בס"ד

# ווען א מענטש איז מחזק אינם יסוד אז אלעס איז פון הימל, מוטשעט ער זיך נישט מיט געפילן פון נקמה!!!

**» צו פאדערט דער אייבערשטער פון א יעדע איד מקיים צו זיין די איסור פון נקימה און נטירה?!?!**

**עס** שטייט אין די וואכעדיגע פרשה לֹא תִקֹּם וְלֹא תִטֹּר אֶת בְּנֵי עַמֶּךָ וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ אֲנִי ה' (ויקרא יט, יח), און **רש"י** ברעגנט די מאמר חז"ל "איינער זאגט פארן צווייטן בארג מיר דיין מעסער, זאגט ער איהם ניין, צומארגנ'ס בעט איהם זיין חבר זיין האק, זאגט ער 'ניין, אזוי ווי דו האסט מיר נעכטן נישט געבארגט', דאס הייסט 'נקמה', אויב זאגט ער פאר זיין חבר בארג מיר דיין האק, און די חבר זאגט זיך אפ, און צומארגנ'ס בעט איהם זיין חבר בארג מיר דיין מעסער, און ער ענטפערט 'נעם דיר, און איך בין נישט אזוי ווי דיר וואס דו האסט מיר נישט געבארגט', דאס הייסט נטירה, ער האלט די פיינטשאפט אין הארץ, אפי' ער נעמט נישט נקמה", עכ"ל.

**די מסילת ישרים** שרייבט אויף די נושא פון נקימה און נטירה, אז דאס זענען מדות וואס ליגן נאטורליך אין הארץ פון א מענטש, וואס נישט גענוג אז ער וויל נישט גוטס טוהן פאר א מענטש, וויל ער נאך איהם שלעכטס טוהן, און דעריבער האט אונז די תורה אנגעווארענט 'לא תקום', און נקמה מיינט צוריקצוהאלטן פון גוטס צו טוהן פאר א חבר וואס האט דיר שלעכטס געטוהן, און 'נטירה' מיינט צו געדענקן די שלעכטס וואס די חבר האט געטוהן - און די צייט וואס מען טוהן איהם יא גוטס."

"**און** וויבאלד די יצר הרע קאכט אויף די הארץ פונעם מענטש, און פראבירט צו לאזןביים מענטש כאטש עפעס א זכר פון די שלעכטס וואס זיין חבר האט איהם געטוהן, דעריבער קומט די תורה און מאכט א כלל וואס אלעס איז נכלל אין דעם כלל, און דאס איז די מצוה 'ואהבת לרעך כמוך' - זאלסט ליב האבן דיין חבר אזוי ווי דיר אליין, אן קיין שום הפרש, אזוי ווי דיר אן קיין שום חילוקים, אן קיין תחבולות און פלענער, אזוי ווי דיר ממש!"

**און** פארדעם שרייבט ער נאך, מיט דעם פאלגענדן לשון: "אויך פון נקמה און נטירה איז זייער שווער אז די שפעטיגע הארץ פון א מענטש זאל גערעטעוועט ווערן פון דעם, ווייל א מענטש פילט זייער שטארק די פארשעמונגען פון זיינע חברים, און האט גרויס צער פון דעם, און די נקמה איז איהם מורא'דיג זיס, ווייל דאס איז זיין איינציגסטע בארואיגונג'ס מיטל."

"**דעריבער** א מענטש וואס האט די כח אפצולאזן דאס וואס זיין נאטור פאדערט פון איהם, און ער איז א מעביר על מדותיו, און האט נישט פיינט דער וואס האט איהם שלעכטס געטוהן, און ער נעמט נישט נקמה און א געלעגענהייט וואס ער וואלט ווען געקענט נקמה נעמען, און ער האלט אפי' נישט די פיינטשאפט אין הארץ נאר ער פארגעסט פון אלעם כאילו עס וואלט גארנישט געווען - אזא איינער איז אן אמת'ע שטארקע און פעסטע מענטש, און ער איז געגליכן צו די מלאכי השרת, וואס האבן בכלל נישט די אלע מדות". עכ"ל.

**מען** דארף אבער וויסן די מאמר חז"ל (מכילתא יתרו) אויף די פסוק קוֹל ה' בַּכֹּחַ (תהלים כט, ד) לויט די כח פון א יעדעם איינעם באזונדער, און די באשעפער קומט דאך נישט פאדערן קיין זאכן פון כלל ישראל וואס עס איז נישט מעגליך פאר זיי אויסצופירן, קומט דאך אויס א אויב די באשעפער פאדערט פון די אידישע קינדער - פון קליין ביז גרויס - זיך אויפצופירן אויף אן אופן וואס די מסילת ישרים דריקט זיך אויס אויף דעם אז דאס איז 'גרינג פאר מלאכי השרת', דאס ווייזט ווי רייך און גרויס און וויפיל כוחות ליגט אין די נשמה פון א יעדן איד, און אויב וויל מען קען מען זיך מתגבר זיין מקיים צו זיין די מצוה 'ואהבת לרעך כמוך' פשוטו כמשמעו, אזוי ווי די מסילת ישרים שרייבט.

**אין** ספר **לב אליהו** (פון די גאון ר' אלי' לופיאן זצ"ל) ווערט אויך ארויסגעברענגט די פונקט, ווי ער שרייבט ווי פאלגענד: "זאלסט נישט קיין טעות האבן און זגן אז דאס איז נאר א 'מדת חסידות', דאס איז א מצות עשה און לא תעשה מדאורייתא, די מצות עשה פון ואהבת לרעך כמוך, און די מצות לא תעשה פון לא תקום ולא תטור, און אזוי ווי די מסילת ישרים שרייבט אז עס דארף זיין כמוך ממש, אוועקנעמען אלע הרגשות כאילו עס וואלט גארנישט געווען, און ווערן זיין בעסטן פריינד, דאס פאדערט די אייבערשטער פון אונז. און עס איז באמת וואונדערליך ווי גרויס זענען די כוחות וואס די אייבערשטער האט איינגעפלאנצט אין כלל ישראל, אשר בחר בנו הקב"ה מכל עם ורוממנו מכל לשון", עכ"ל.

**» ווי אזוי איז מעגליך זיך צו דערהייבן פון די 'זיסע טעם פון נקמה'?!**

**די** שאלה איז נאר, ווי אזוי קומט א מענטש אן צו די מדריגה, זיך אפצוהאקן פון 'די נקמה וואס איז זיס ווי האניג' - אזוי ווי די מסילת ישרים איז דאס מגדיר, און אויסרייסן די פיינטשאפט וואס איז איינגעקריצט געווארן אינעם הארץ פונעם מענטש. ווי אזוי קען דער מענטש צוקומען צו א מצב אז ער וועט שולט זיין אויף זיין עקשנית'דיגער הארץ, נישט נקמה צונעמען ווען עס וועט איהם אינטער קומען א געלעגנהייט.

**אויפן** זעלבן אופן, שטייט אין **ספר החינוך** מסביר צו זיין אט די מצוה פון נקימה ונטירה, ווי ער שרייבט (אין מצוה רמא) ווי פלגענד: "פון די שרשים פון די מצוה, אז א מענטש זאל וויסן און צולייגן קאפ, אז אלעס וואס עס געשעהט מיט איהם, פון גוטס ביז שלעכטס, איז אלעס א סיבה פונעם אייבערשטן, און א מענטש קען נישט טוהן פאר קיינעם נישט גארנישט, אן דעם אז דער אייבערשטער זאל דאס ווען. דעריבער ווען א מענטש טשעפעט איהם און איז איהם מצער, זאל ער וויסן ביי זיך, אז זיינע עבירות האבן גורם געווען דעם צער, און דער אייבעשטער האט דאס גוזר געווען אויף איהם. דעריבער זאל ער נישט אנפאנגען טראכטן ווי אזוי ער קען זיך נוקם זיין אין יענעם, ווייל יענער איז בכלל נישט די סיבה פארוואס ער האט באקומען די צער, נאר זיינע עבירות, און אזוי ווי דוד המלך ע"ה האט געזאגט ווען שמעי בן גרא האט איהם געשאלטן הַנִּחוּ לוֹ וִיקַלֵּל כִּי אָמַר לוֹ ה' (שמואל ב' טז, יא)", עכ"ל.

**און** לויט דעם פארשטייט מען די מאמר חז"ל (**ברכות** סד:; **יבמות** קכב:) 'תלמידי חכמים מרבים שלום בעולם', ווי עס איז באקאנט די פשט פון דעם גאון **רבי יחזקאל לעווינשטיין** זצ"ל וואס איז דאס מסביר, אז א איד וואס לעבט אויף א מדריגה פון 'אין אדם נוקף אצבעו מלמטה אלא אם כן מכריזין עליו מלמעלה', און אפי' ווען א מענטש א בעל בחירה שעדיגט איהם, ווייסט ער און ער גלייבט אז דער אייבערשטער האט דאס גוזר געווען, און אז יענער מענטש איז נאר געווען א שליח, אזא איינער פירט נישט קיין מחלוקות מיט קיינעם און איז נישט ברוגז אויף קיינעם, דעריבער 'תלמידי חכמים', דאס זענען די דערהויבענע אידן וואס לעבן מיט אמונה, 'מרבים שלום בעולם' און קריגן זיך נישט מיט קיינעם.

**אזוי** עס שטייט אין **רד"ק**, בשם זיין רבי'ן **ר' סעדיה גאון**, פשט אויפן פסוק וואס דוד המלך זאגט (תהלים מא, יא) אוֹיְבַי יֹאמְרוּ רַע לִי מָתַי יָמוּת וְאָבַד שְׁמוֹ וְאַתָּה ה' חָנֵּנִי וַהֲקִימֵנִי וַאֲשַׁלְּמָה לָהֶם, אז די ווערטער 'ואשלמה להם' איז פשט, "איך וועל זיי באצאלן גוטס אנשטאט שלעכטס, אזוי ווי דער אייבערשטער

וויל פון מיר, און אזוי ווי ער זאגט נאכדעם בְּזֹאת יָדַעְתִּי כִּי חָפַצְתָּ בִּי, און דאס איז די ווערטער פונעם אייבערשטן (בפרשתינו) לֹא תִקֹּם וְלֹא תִטֹּר אֶת בְּנֵי עַמֶּךָ".

**און** לויט דעם פארשטייט מען זייער גוט די סדר פון די פסוק אין די תורה. די תורה הק' פאנגט אן, לֹא תִקֹּם וְלֹא תִטֹּר (ויקרא יט, יח), איי וועט א מענטש טענה'ן און פרעגן, ווי אזוי קען מען דאס פאדערן פון מיר, נאכדעם וואס מיין חבר טוהט מיר כסדר שלעכטס, עס איז נישט מער ווי נאטורליך אז איך זאל אים פיינט האבן, און צוריקטוהן שלעכטס. אויף דעם ענטפערט די תורה און זאגט ווייטער וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ, און די נאטור איז, אז ווען איינער טוהט גוטס פאר א צווייטן, ווערט געבוירן אין איהם א ליבשאפט צו יענעם.

**איי** וועסטו פרעגן, הא גופא קשיא, ווי אזוי איז מעגליך אז איך זאל יענעם ליעב האבן אין אזעלכע אומשטענדן, אויף דעם ענטפערט די תורה ווייטער אֲנִי ה', איך בין דאך דער וואס טוהט אלעס אויף דער וועלט, און קיינער קען דאך קיינעם נישט טשעפען און ווי טוהן פון זיך אליין, ממילא, וויבאלד דיין חבר איז בכלל נישט שולדיג אויף דיין צער, דעריבער קענסטו אים טוהן גוטס און דורך דעם צוקומען איהם ליב צו האבן.

**אבער** עס ליגט דא נאך א טיפערע זאך. ווייל מיט דעם אלעם דארף מען נאך פארשטיין אז אפי' א מענטש ווייסט אז די באשעפער פירט אלעס און אז ער האט דאס אינטערגעפירט, אבער נאכאלץ האט א יעדע מענטש א בחירה, און למעשה דער מענטש וואס האט מיר ווי' געטוהן האט בוחר געווען מיר ווייי צו טוהן, איז ווי אזוי קען מען מיט דעם אלעמען מבטל זיין די געפיל פון פיינטשאפט.

### » ווי אזוי איז יוסף הצדיק נישט נשפע געווארן פון זיין טמא'נע סביבה?!

**נאר** מען דארף אריינטראכטן אין אנדערע פונקט, ווי אזוי טאקע איז יוסף הצדיק געבליבן פעסט אין זיין קדושה אין אזא טמא'נע פלאץ, וואס ווי באוויסט איז די כח פון די סביבה גאר שטארק, אזוי ווי די מדרש זאגט אויפן פסוק 'ויואל משה לשבת את האיש, אז 'ויואל' איז א לשון פון א שבועה, אז משה רבינו האט אין יענע מינוט געשווארן צו אוועקגעבן איינע פון זיינע קינדער פאר עבודה זרה, וואס מיר זעען פון דעם אומדעטערגליכע כח פון די סביבה, אפי' לגבי משה רבינו.

**און** אפי' ביי משה רבינו טרעפן מיר אין מדרש (ילקוט שמעוני) א מורא'דיגע זאך אויפן פסוק וַיּוֹאֶל מֹשֶׁה לָשֶׁבֶת אֶת הָאִישׁ (שמות ב, כא), אז 'ויואל' איז א לשון פון א שבועה, אז משה רבינו האט געשווארן פאר יתרו אז די ערשטע קינד וואס ער גייט געבוירן פון צפורה, גייט ער אוועקגעבן פאר די עבודה זרה. און אין ספר **מכתב מאליהו** (ח"ב) שרייבט אויף דעם און ברענגט ארויס, ווי שטארק איז די כח פון די סביבה, און ווי שטארק דארף מען זיך אכטונג געבן פון דעם. ממילא אויף יוסף הצדיק וואס איז געווען א קליין בחור'ל פון זיבעצן יאר, איז די סכנה און נסיון געווען אסאך שווערער.

**און** מען זעהט אין **מדרש**, אז ווען די ברודער זענען געקומען קיין מצרים זוכן יוסף, זענען זיי קודם געגאנגען זוכן אין די גאסן און אין די הייזער ווי מען טרינק זיך אן, ווייל זיי זענען געווען זיכער אז יוסף געפונעט זיך אין אזעלכע פלעצער.

**נאר** עס איז מבואר אין **ספרים הק'**, אז די תשובה אויף דעם ליגט אין די ווערטער 'כי למחיה **שלחני** ה'', און עס איז ליגט אין דעם א געוואלדיגע יסוד אין עבודת ה', אז עס איז נישט דומה צוויי מענטשן וואס קומען צו איין פלאץ, איינער קומט כדי צו וואוינען דארט און דער צווייטער קומט כדי אויפצוטוהן דארט צוריק צוברענגען אידישע קינדער צום באשעפער, וואס דער וואס קומט מיט די מטרה צו וואוינען דארט ליגט אין א גרויסע סכנה נשפע צו ווערן פון די סביבה, דאגעגן דער וואס קומט מיט א שליחות כדי אויפצוטוהן דארט, איז אדרבה נישט נאר וואס ער ווערט נישט נשפע נאר ער איז טאקע מצליח משפיע צו זיין אויף די סביבה, מחזק צו זיין אנדערע, און ער אליין ווערט אויך דערהויבן פון דעם.

**איז** דאס איז די סיבה ווי אזוי יוסף איז נישט נשפע געווארן פון מצרים, ווייל ער האט געפילט א יעדע מינוט אז ער געפונט זיך אויף א שליחות אין לאנד מצרים, גלייבענדיג אז אויב די באשעפער האט איהם דארט אריינגעשטעלט מיינט דאס אז ער דארף עפעס אויפטוהן דארט, און דערהייבן זיין גאנצע סביבה צום אייבערשטן, דעריבער נישט נאר וואס ער איז נישט נשפע געווארן אויף שלעכטס, נאר אדרבה ער איז געשטיגן מער און מער אין אמונה אינעם אייבערשטן.

**און** מיט דעם קען מען אויך גרינגער פארשטיין ווי אזוי יוסף האט געקענט בשעת די מכירה זיך נישט אוועקרירן פון זיין פריינדשאפט צו זיינע ברודער, וויבאלד ער האט געלעבט מיט אזא איינערקענונג אז וואס און ווי ער געפונט זיך און געשעהט מיט איהם, איז ער אין א שטענדיגע שליחות מקדש צו זיין שם שמים, דעריבער וויבאלד ער איז געווען פארנומען אויסצופירן זיין שליחות, האט ער געהאט די כוחות זיך נישט צוטוהן צו מאכן צו די חיצונית'דיגע געשעענישן, און אזוי ארום בלייבן פעסט מיט זיין אמונה און פריינדשאפט צו זיינע ברודער.

"...און פונקט אזוי ווי עס פאסט נישט פאר א קלוגע מענטש זיך צו רעגן און נקמה צו נעמען אין א 'חולי נפש' וואס האט שלעכטס גוטן, דאס זעלבע פאסט נישט נקמה צו נעמען און פיינט האבן איינער וואס טוהט שלעכטס ווייל ער איז א 'חולי נפש משכלת' און ער האט זיך נאכנישט אויסגעארבעט די מידות..."

**אזוי** איז אויך מסביר די ספר 'דעת תורה' (חלק הביאורים) ווי ער שרייבט ווי פאלגענד: "מיר זעען אז ווען די ברודער זענען געווען אין די הענט פון יוסף, און ער האט זיך אנטפלעקט פאר זיי, האט ער פארוואסערט די גאנצע מעשה זאגענדיג וְעַתָּה אַל תֵּעָצְבוּ וגו' כִּי לְמִחְיָה שְׁלָחַנִי אֱלֹקִים לִפְנֵיכֶם וגו' וְעַתָּה לֹא אַתֶּם שְׁלַחְתֶּם אֹתִי הֵנָּה כִּי הָאֱלֹקִים, וַיְשִׂימֵנִי לְאָב לְפַרְעֹה וּלְאָדוֹן לְכָל בֵּיתוֹ וּמֹשֵׁל בְּכָל אֶרֶץ מִצְרָיִם, ער האט איבערגעדרייט די גאנצע מעשה מן הקצה אל הקצה, כאילו אז נאך די גאנצע מעשה איז ער גאר שולדיג פאר א טובה, אויף אלעס וואס זיי האבן איהם גורם געווען."

"**און** עס איז נישט געווען סתם אבי' גערעדט מן השפה ולחוץ, ווייל אז די תורה שרייבט דאס מיינט אז דאס איז געווען אמת'דיגע דיבורים, כדי מיר זאלן זיך מתבונן זיין און נתפעל ווערן פון די געוואלדיגע דרגה פון יוסף הצדיק, ווי ווייט האט ער אריבערגעליטשט אויף זיך די גאנצע מעשה ביז ווען ער איז כמעט געבליבן שולדיג פאר זיינע ברודער", עכ"ל.

**און** אויף דעם זעלבן אופן איז אויך די **מהר"ל** מסביר (אין **גבורות ה'** פ"י) די הנהגה פון יוסף הצדיק, ווי ער שרייבט ווי פאלגענד: "...יוסף האט מרמז געווען פאר זיין טאטן יעקב, אז ער זאל נישט שטראפן זיינע קינדער אויף דעם וואס זיי האבן איהם פארקויפט, ווייל דאס איז געווען א גזירה פון הימל, כדי זיי זאלן אראפקומען קיין מצרים, און דאס האט ער געמיינט מיטן איהם שיקן 'עשרה חומרים נושאים מטוב מצרים וגו', און וויבאלד עס שטייט פארדעם 'ולאביו שלח כזאת' זעהט מען פון דעם אז דאס איז געווען פונקטליך און ספעציעלע אויסגערעכנטע מתנה כדי אז יעקב זאל פארשטיין פון דעם אז די שבטים זענען נאר געווען אזוי ווי אייזלן וואס פירן א לאסט אויפן אקסל וואס ער האט נישט קיין אנונג וואס איז די מטרה פון די פעקל וואס ער טראגט און צו ווי אהין ער דארף עס טראגן, דאס זעלבע איז אויך געווען מיט דעם וואס די שבטים האבן איהם פארקויפט, אז זיי האבן אליין נישט געוויסט וואס זיי טוהן, און זיי האבן געטוהן נאר דאס וואס די באשעפער האט גוזר געווען." עכ"ל.

**און** דאס אלעס איז דער **חזון איש** (או"ח סי' נ"ו אות ד) מסכם מיט זיין זיסן קורצן לשון ווי פאלגענד: "און די תורה'דיגע וועג איז, זיך צו האלטן בשלום מיט א יעדן מענטש, און זיין א מעביר על מידותיו. און פונקט אזוי ווי עס פאסט נישט פאר א קלוגע מענטש זיך צו רעגן און נקמה צו נעמען אין א 'חולי נפש' וואס האט שלעכטס גוטן, דאס זעלבע פאסט נישט נקמה צו נעמען און פיינט האבן איינער וואס טוהט שלעכטס ווייל ער איז א 'חולי נפש משכלת' און ער האט זיך נאכנישט אויסגעארבעט די מידות, און עס איז נישט דא קיין שום אונטערשייד צווישן א משוגענער און אן אויסוואָרף", עכ"ל.